# די גאָלדענע קייט

פֿערטליאָר־שריפֿט פֿאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפֿטלעכע פּראָבלעמען

109

אַרויסגעגעבן פֿון ההסתדרות הכללית של העובדים בארץ־ישׂראל
תל־אָבֿיבֿ

1982

ק. צעטניק / תּל־אָבֿיבֿ

# פּייסאַזשן אויף נאַקעטע ווענט

(דערציילונג)

דאָס שפּיטאָל־צימער איז געווען הויך און ווײַס. אין די פֿענצטער־ראַמען זענען געהאַנגען די ווײַטן, ווי העלע פּייסאַזשן אויף נאַקעטע ווענט. מיטן אָנקום פֿון האַרבסט באַווײַזט זיך דאָ אַ שפּראַציקע בליִונג, ווי אַ שומר אַנטקעגן דער סכּנה פֿון איבעררײַס; אַ מין פֿאַרזיכערן דעם המשך ביזן אָנקום פֿון פֿרילינג.

בלויז אין די טונקעלע בלוט־אַרטעריעס פֿון דער צײַט שטראָמען דאָ די יאָרפֿערטלען, בײַטן זיך די סעזאָנען, און מיט זיי, זאַלבענאַנד, אויך די באַוווינערס פֿון נומער 14 אין דער פּסיכאָטעראַפּישער אָפּטיילונג. ס׳טרעפֿט אַז אַ נישט־געזעענע האַנט נעמט אַרויס אַן אײנצלנעם טראָפּן פֿון שטראָם, לייגט אים אין טעסטער פֿאַר אַנאַליז, און דעמאָלט, ווי אונטערן אויג פֿון מיקראָסקאָפּ, באַווײַזט זיך די אַנטפּלעקונג וואָס מיטן געוויינטלעכן אויג איז נישט צו זען.

ווען גלילה איז אָנגעקומען אין שפּיטאָל, איז דאָס שכנותדיקע בעט געווען פֿאַרנומען. האַרי האָט דעמאָלט נישט געהאַט קיין קאָפּ צו כאַפּן אַפֿילו אַ בליק צו דער ליגנדיקער אין שכנותדיקן בעט. ערשט מיט דער צײַט, בעת זײַנע טאָג־טעגלעכע וויזיטן בײַ גלילה, האָט ער זיך אויך צוגעוווינט צו ליזאַס ברענענדיקע אויגן, אײַנגערעמטע אין אַ סקעלעטיש לענגלעכן קאָפּשאַרבן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פֿון שכנותדיקן בעט. ליזאַ האָט זיך קיין מאָל נישט אַרײַנגעמישט, אַפֿילו נישט געעפֿנט דאָס מויל, בעת זײַנע וויזיטן, כאָטש ער האָט געוווּסט אַז גלילה איז זיך מטפּל מיט איר שכנה ווי אַ געטרײַע קראַנקן־שוועסטער, און וואָס די דאָקטוירים זענען נישט מצליח, טרעפֿט אַז דווקא גלילה איז יאָ מצליח.

איצט איז אַ ווײַסער געקראָכמאַלעטער לײַלעך איבערגעצויגן איבערן שכנותדיקן ליידיקן בעטמאַטראַץ. די ווײַסע ליידיקייט לאָזט הערן: אַ פֿרײַ בעט! דאָ איז נישט פֿאַראַן קיין טעות. די וואָס איז דאָ געלעגן איז דערגאַנגען צום סוף וועג.

אין שפּיטאָל גייט דער שטראָם ווי אין אַן אָפֿענעם קאַנאַל. טויט און לעבן באַגעגענען זיך דאָ ווי פֿאַרפֿאַרטע מעקלערס אויף אַ וואָקזאַל. געעפֿנטע וואַגאָנען־טירן. אויפֿשטײַגן און אויסשטײַגן. איטלעכער מיט סודות אין די רײַזעטאַשן. מיטן טויט פֿון מענטש ווערן אָפּגעווישט די שטחים. ס׳פֿאַלן די מחיצות. גומענע רעדלעך פֿאַרשלינגען דעם רעש. מיט פֿאַרשטומטקייט אײַלן די מעדיקאַמענטן־וועגעלעך. ווי דורך אַ דרייטיר בײַטן זיך די אָוועקגייענדיקע מיט די נײַ־אָנקומענדיקע. די געוויינטלעכקייט ציט זיך ווײַטער. ס׳טרעפֿט אַז עמעצער נעמט דעם גורל אין זײַנע הענט און באַשטימט אַליין די סטאַנציע וואָס זאָל זײַן דער סוף פֿון זײַן וועג. למשל ליזאַ. קיינער וואָלט נישט געקאָנט ברענגען אויפֿן געדאַנק, אַז דווקא אָט דער מענטשן־סקעלעט וועט פֿאַרשווינדן פֿון דאַנען נישט דורך דער דרייטיר; דאָס איז דאָך אויסערגעוויינטלעך. אָבער צי איז דען דאָ פֿאַראַן עמעצער וואָס זאָל וויסן ווי אויסערגעוויינטלעך ס׳איז געווען איר לעבן?

דאָס מאָל איז די שטול לעבן גלילהס בעט געווען גרייט פֿאַר זײַן וויזיט. זי האָט געווענדט איר בליק צו אים און ער האָט געזען אין אירע אויגן אַ טאָטאַלע אַנטשלאָסנקייט. נישט געווען קיין אָרט פֿאַר רייד. די ווערטער — ווי ליידיקע שאָלן, אַוועקגעקוילערטע; בלויז דער תּוך זייערער האָט צו אים געקוקט פֿון אירע אויגן. אַ סימן פֿון אויפֿגעוועקטער ענערגיע. די געדאַנקען שטראַמען צו מעשים. אָפּט מאָל, ממש פֿאַר דײַנע אויגן, שפּראָצט פֿון אַ פֿעלדז אַ גרין־גראָזיק אַדערל. די האַנט פֿון דער פּלאָימדיקער נאַטור. די העכערע אויטאָריטעט פֿון געזעץ.

— איך פֿיל ווי איך וואָלט אַרויסגעקראָכן פֿון אַן ערדקראַך — האָט זי געזאָגט — געדענקסט, האַרי, דער קאַלטער טוש נאָכן אויפֿרײַס פֿון דער אַראַבישער באָמבע? געדענקסט ווי גיך דער שטראָם פֿון וואַסער האָט געשווענקט די בלאָטע פֿון אונדזערע לײַבער?

און ער טראַכט בײַ זיך אין האַרצן: דער פֿאַרבליבענער שאָק אין דער נשמה איז נישט אַזוי גיך אָפּגעשווענקט געוואָרן...

נישט פֿאַראַן עמעצער וואָס זאָל קאָנען אַזוי טיף באַנעמען די געשעענישן ווי גלילה. די פֿאַסירונגען זענען אײַנגעקריצט אין איר נשמה. די קייט פֿון די צײַט־געשעענישן הענגט אויף איר האַלדז. די געהיימע האַנט פֿון קראַניקער פֿאַרזיגלט ווי אַ גאָלדשמיד דעם קאַראַט־צייכן אויף איינעם פֿון די קייט־רינגעלעך. ס׳טרעפֿט אַז דו גופֿא ווערסט אַנטפּלעקט פֿאַר דײַנע אויגן בעת דו קוקסט אויף דעם שטעמפּל דורכן אויג פֿון מיקראָ־סקאָפּ. דעמאָלט גייט אויף אין דיר אַ נײַער גײַסט. דעמאָלט ווירקסטו לויט אַן אַנדער דימענסיע. פּלוצלינג דערזעסטו די פֿאַרבינדונג צווישן זאַכן: אוישוויץ־פּחד און אַראַבישער פּחד. ווי אַקסידענט־רעדער האָבן די געשעענישן געאַקערט דײַן לײַב און נשמה.

ער האָט געזען די ליכט־קאָנצענטראַציע אינעם פֿאָספֿאָר פֿון אירע אויגן. ער איז געווען גערירט פֿון דער באַנײַונג. ווידער האָבן אירע אויגן צו אים גערעדט ווי בשעת זייער ערשטן צוזאַמענטרעף:

— יאָ, האַרי, מיט פֿולן באַוווסטזײַן גיי איך אַנטקעגן דער דערוואַרטונג. דײַן אוישוויץ־וועלט און מײַן וועלט זענען נישט צוויי, נאָר איין וועלט! ווי דער מוסר־השׂכּל איז איינער.

די באַשטימונג, דעמאָלט ווי איצט, איז מחוץ דעם מעדיום פֿון ווערטער. דעמאָלט האָט ער פֿאַרויסגעזען זײַן וועלט ווי אַ דראָענדיקער אַשפּלאַנעט; וואָס וועט געשען מיט דעם שפּראַציק שיינעם גוף ווען דער ראַדיאָאַקטיווער רעגן פֿון אַשפּלאַנעט וועט אויף אים פֿאַלן? וואָס וועט געשען מיט דער נשמה פֿון אָט דעם גוף?

איצט איז געשלאָסן דער קרײַז. ס׳איז דער אויפֿגעבראָכענער הינטערוועג וואָס פֿירט פֿון אוישוויץ־פּחד צו אַראַבישן פֿידאַיון־פּחד. אַהין און צוריק. דו דאַרפֿסט קוקן דער רעאַליטעט גלײַך אין פּנים — פֿלעגט האַרי זאָגן. אָט דער אויפֿגעבראָכענער וועג איז איצט די רעאַליטעט. ווי אַן אָפֿענע וווּנד צווישן די צוויי פּחדים שטייט דער מענטש מיטן ווײ פֿון געשפּאָלטנקייט אין זײַן נשמה. דער מענטש, דער זון פֿון אַ געשפּאָלטן לאַנד, וואָס גייט אָפּ אין בלוט.

— דער אַראַבער אין זײַן דאָרף — פֿלעגט גלילה זאָגן — צי איז נישט אויך ער, פּונקט ווי איך, אַ הענגענדיקער צווישן צוויי פּחדים? אָט דער מענטש, וואָס ווייסן מיר בעצם וועגן אים?

דאָס פּנים פֿון חאַסאַן, וואָס העלפֿט אים בײַ דער אַרבעט אין פּרדס, וואַקסט אויס פֿאַר האַריס אויגן. אין די הײַזער פֿון דער גאַנצער מושבֿה האָט ער פֿאַר אים געזוכט אַ ווינקל צו שלאָפֿן. ער איז געגאַנגען פֿון הויז צו הויז. תּחילת האָבן אַלע מסכּים געווען. ביז זיי האָבן דערהערט אַז דאָ רעדט זיך וועגן אַן אַראַבער. זיי האָבן אים אַפֿילו נישט געזען. אָבער פֿון זייערע אויגן האָט אַרויסגעקוקט אימה און אַפּשטויס פֿאַר דעם וואָס טראָגט דעם אַלגעמיינעם שטעמפּל: אַראַבער. אָט דער שטעמפּל וואָס האָט אָפּגעמעקט פֿון חאַסאַן די געשטאַלט פֿון אונדזערס אַ שכן, אַ זון פֿון זעלביקן לאַנד.

דער אַלגעמיינער שטעמפּל ,יודע׳ מיט וועלכן ער איז פֿריִער געוואָרן געצייכנט; דער אײַנגעברענטער סימן אין זײַן לינקן אָרעם; דער אַלגעמיינער נאָמען ,ישׂראל׳ פֿון אַ גאַנץ פֿאָלק — ווי טיף ער האָט געוווּסט דעם טעם דערפֿון!

אין געטאָ האָט געעקבערט אין זײַן מוח די שאלה: פֿון וואַנען האָט זיך גענומען אין האַרץ פֿון אַ ייִד די זיכערקייט, אַז אין הויז פֿון אַ פּאָליאַק וועט אַ קרעציקער הונט וועקן רחמנות, אָבער אַז אַן אַנטרונענער ייִד פֿון געטאָ וועט בעטן אַ באַהעלטעניש כּדי זיך צו ראַטעווען דאָס לעבן, וועט מען אים אַרויסטרײַבן ווי מע פֿאַרטרײַבט אַ שׂטן, אָדער אַ מכשפֿה וואָס דאַרף פֿאַרברענט ווערן.

דאָ, אין דער ייִדישער מדינה, האָט ער געפֿונען די תּשובֿה צו דער שאלה: ווײַל מחוץ גרענעצן און קלימאַטן איז פֿאַראַן די אַנטפּלעקונג אין די אויגן פֿון מענטש.

טויזנט יאָר זענען ייִדן געזעסן אויף דער ערד פֿון פּוילן. אָבער די פּוילישע שכנים האָבן זיי נישט געקאָנט ווי מענטשן באַשאַפֿן אין צלם פֿון גאָט. פּוילישע קינדער האָבן בתּמימות געגלייבט, אַז אונטער די קליידער איז די געשטאַלט פֿון ייִדן ווי שדים מיט פּיספּיאַטעס פֿון ציגן. טויזנט יאָר האָבן צוויי פֿעלקער געוווינט אין די גרענעצן פֿון זעלביקן לאַנד און נישט געקאָנט זיך ווי מענטשן. ביז עס האָבן זיך אויסקריסטאַליזירט צוויי סאָרטן פֿון ריחות: דער ריח פֿון ייִד האָט אָפּגעשטויסן דעם פּוילישן שכן מער ווי דער ריח פֿון די וואַנצן אין זײַן בעט. ווײַל פֿון ייִדן איז אויפֿגעגאַנגען צו אים דער ריח פֿון פֿאַרשאָלטענעם גאָט-קרייציקער.

און אין ייִדישע אויגן פֿון אַ גאַנצער מושבֿה האָט ער געזען דעם גרויליקן אָפּשטויס פֿאַרן פֿינפֿטן קאָלאָנע-ריח וואָס שלאָגט פֿון איטלעכן געצייכנטן מיטן נאָמען: אַראַבער.

אָט איז די פֿאַרבינדונג צווישן זאַכן. פֿון גלילהס אויגן קוקט צו אים די אַנט-פּלעקונג. אין איר נשמה האָבן זיך באַגעגנט די צוויי קעמפֿנדיקע כּוחות. אין איר קומט פֿאַר די קאָנפֿראָנטאַציע. די נישט-געזעענע האַנט פֿון גורל האָט זי אַרויסגעצויגן פֿון צײַטשטראָם, כּדי צו ווײַזן אינעם טעסטער וואָס ס׳איז נישט צו באַנעמען מיטן אויג. דו דאַרפֿסט קוקן דער רעאַליטעט גלײַך אין פּנים...

ער האָט געקוקט צום ווײַס-געשפּאַנטן לײַלעך איבער דער ליידיקייט פֿון ליזאַס בעט. קיין מענטש אויף דער וועלט האָט נישט געוווּסט פֿון וועלכן דײַטשן פֿרויען-לאַגער ליזאַ איז געקומען. זי האָט מיט זיך מיטגענומען דעם סוד. בלויז האַרי האָט געוווּסט. זינט ליזאַ האָט חתונה געהאַט — זענען אַלע עפֿענונגען אין איר גוף פֿאַר-שטאָפּט געוואָרן. אַפֿילו שפּײַז, וואָס גיט חיונה איטלעכן באַשעפֿעניש, האָט דער פֿאַרזיגלטער סוד אין איר פֿאַרנימאַסט. ווען די סכּנה פֿאַר איר לעבן איז געוואָרן קלאָר, האָבן די דאָקטוירים באַשלאָסן זי צו שפּײַזן דורך די אָדערן. אין יענער נאַכט איז זי אַוועק אין באָדצימער, אויפֿגעשניטן די אָדערן פֿון אירע הענט און אין איינעם מיטן

שטראָם פֿון די געעפֿנטע אַדערן האָט זיך ליזאַ באַפֿרײַט פֿונעם סוד וואָס האָט געפּײַניקט איר נשמה.

ער האָט געקוקט צו דער ליידיקער ווײַסקייט פֿון שכנותדיקן בעט און ער האָט געזען זיך גופֿא אויף זײַן וועג פֿון אוישוויץ, ליגנדיק אויף דעם צעפּוילטן שטרוי אין אַ שטאַל. לעבן אים דאָס מיידל.

— וואָס וועלן מיר קאָנען זיי פֿאַרלייגן — האָט זי שטיל גערעדט — אונדזערע לײַבער זענען ווי אַ באַצוווּנגענע, פֿאַרברענטע ערד. ווי אַזוי וועט אונדזערס גלײַכן קאָנען ליגן בײַ דער זײַט פֿון אַ מאַן און אין דער זעלביקער צײַט זײַן אין אַ וועלט וווּ ער וועט קיין מאָל נישט קאָנען אַרײַן; און מיר וועלן שוין קיין מאָל נישט קאָנען פֿון דאָרטן אַרויס... קיינער, אַחוץ מיר, אויף דער גאַנצער וועלט, וועט אונדז נישט קאָנען פֿאַרשטיין. פֿון וואַנען וועלן מיר נעמען פֿאַר זיי די אויפֿקלערונג און וווּ איז פֿאַראַן די שפּראַך פֿאַר אַזאַ אויפֿקלערונג? נישטאָ אַ זאַך וואָס זאָל מיך אָפּשרעקן, אַחוץ צוזאַמענלעבן מיט אַ מאַן וואָס קומט נישט פֿון אונדזער וועלט.

ווי אַן אויפֿגעוועקטער האָט האַרי אויסגעדרייט דעם בליק צו גלילה:

— וואָס האָסטו געזאָגט, געליבטע?

— איך האָב געפֿרעגט צי דו דערמאָנסט זיך אין מײַן ערשטן וויזיט בײַ דיר — האָט זי געזאָגט.

דעמאָלט איז גלילה מיט אַ מיסטעריעזן כּוח אַרײַנגעדרונגען אין דער וועלט פֿון די אָפּגעזונקטע. זי האָט נישט געוואָלט הערן פֿון קיין שום אויפֿקלערונג און האָט אויך נישט געקאָנט מיט דער מענטשלעכער שפּראַך אויסדריקן איר פֿאַרשטענדעניש. ווי די ערד וואָס האָט דאָ געוואַרט אויף זײַן צוריקקער, אַזוי האָט זי געוואַרט אויף זײַן אָנקום.

— וואָס פּלוצעם האָסטו זיך דערמאָנט? — האָט ער געפֿרעגט.

— ס'איז מיר געקומען אויפֿן געדאַנק דער וויכּוח אַן ווערטער צווישן אונדז, דעמאָלט — האָט זי געזאָגט — איצט ווייס איך: דער מוסר־השׂכּל פֿון אוישוויץ איז אויך מחייבֿ צו אַ מוסר־השׂכּל לגבי איטלעכן מענטש באַשאַפֿן אין צלם פֿון גאָט. און דו ווייסט צו וועמען ס'איז מײַן כּוונה.

ער איז געווען דערשטוינט פֿון דער באַגעגעניש פֿון זייערע מחשבֿות. ער האָט נישט געפֿונען קיין ווערטער אויסצודריקן די באַוווּנדערונג.

אין קאָרידאָר, לעבן דער אָפֿענער טיר, זענען פֿאַרבײַ סאַניטאַרן, אַהין און צוריק, ווי ווײַסע שאָטנס. זייערע הענט אויף שטולן מיט רעדלעך. אַן רויש. אין דער שטומקייט — נאָר די מעדיקאַמענטן־וועגעלעך. אַוועקגייענדיק אונטער פֿאַרדעקטע לײַלעכער און נײַ־געבראַכטע מיט אַרויסגעשטעלטע ווײַסלעכצער אין שאַלותדיקע אויגן — אַלץ, אַלץ אין המשכדיקער געוויינטלעכקייט.

ער האָט געקוקט צו די בערגפֿלאַכן אין די פֿענצטער. די ווײַטן, געהילט אין סוד פֿון געטלעכער אייביקייט, האָבן געשוויגן ווי אויפֿגעהאַנגענע פּייסאַזשן אויף די נאַקעטע ווענט.